## דזשעז

קוויטשע, ריטשע, פידל-שמידל!

פיאַנע — פויק! פיאַנע — פויק!

קלאַפּל, פּלאַפּל, שטעקל-פלעקל,

ציטער, צערטל, צאַפּל, גלעקל.

טאַצן-טאַצער, וואַרף די טאַצן —
אַקוראַט אַן אַקראָבאַט.
טאַנץ אַ טאַנץ און בוץ אין באַצן,
און פאַרשפּעטיק פונקט — צום טאַקט.

נעם אַ טאַץ — און פּאַטש אין פּלייצע.
בויג דעם קאָפּ — און האַק אין פויק.
הויב אַ פוס און שפּרינג אַ קרומער.
שפּרייט דאָס מויל — און שליס אַן אויג.

זעץ זיך רייטן אויף אַ ביינקל.
האַלט די אויגן הויך געווענדט.
טו אַ פּלי — און פּאַל אַרונטער.
און צעשריי זיך — אויף די הענט.

ברויז און ברען און גאַר נאָך ליבע,
ווייז: אַ מיידל לאַכט דיר אויס.
גיב איר געלט און זאָל זי נעמען,
און צעוויין זיך אויף איר שויס.

ווייז, ווי איינער ליגט אַ טויטער,
און דערשראָקן כאַפּ זיך אויף.
בעט אַ פרומער אויף די קניען,
מיט אַן אויגל — לאָך אַרויף.

מיט דער פּלייצע צו די מענטשן,
אויפ׳ן האַרצן האַלט די האַנט.
נויג זיך, בויג זיך, טיף און טיפער —
און צעלאַך זיך פאַר דער וואַנט.

דריי זיך אויס און פייקל פויקער,
טויש און שטויס די טאַצן צו.
דו ביזט דאָ צו מאַכן טומל,
דו ביזט דאָ צו שטערן רו.

זאָג. זינג. פייף. קלינג.

מיט די ציינער קריץ, צערייץ.
מיט די בליקן זינד צעפלייץ.

גיב אַ רעוו און גיב אַ ריס,
נעם אַ קוש און גיב א ביס.

סאַקסאָפאָן דריי אוים אַ קריי:
קוקו-רוקו-רוקו-רו!
גראָבע טרובע — זאָג — אַ זיפּץ:
האָ האָ האָ האָ.

נישט קיין קלאָגן, נישט קיין לאַכן —
גאָר אַ נייער מאַך פון זאַכן.

קלאָגע לאַכקע.
לאַכקע וויינקע.

פון כל נדרי, פון „אאידא“.

ווי עס וויינט אויף זיך אַ ניגער.

ווי אין שטייג אַ נייער טיגער.

ווי עס פייפט אַ באַן צום הימל.

ווי אַ ווינט אין וועלדער ווילדעט.

ווי אַ פּאָפּ אַ גראָבער פּרעפּלט.

ווי אַ שיכור זינגט און וואַקלט.

ווי אַ קו אין פעלד מוהוקעט.

ווי מען שרייט אין פּוסטע פּעסער.

ווי אַ דונער גרויסט זיך גרעסער.

זאַווערוכע.
ווילדעוואַוכע.
מענטש, און חיה — איין משפּחה.
לייב, און לעמל — איין מערכה.

פעלקער — ווייַנען אין די לענדער.
חיות — ווייַנען אין די וועלדער.

וויי־געשריי פון אַלע שפּראַכן.
שטומער צער פון אַלע זאַכן.

אַלע ווילן מאַלעגערן.
אַלע טויטע — ווילן ווערן.

אַ צעבראַזג פון אַלע צייטן.
אַ צעברויז פון אַלע ווייטן.

טראַסקע ! — מאַסקע !
פליאַסקע ! — לאַסקע !

קראַך האַרמאַטן און קאַנאַנען !

טרייסל ערד און טרייסל הייזער !

גיכער היינט און גיכער מאָרגן !

שנעלער זייגער מיט די ווייזער !

אויבן — באַנען, אונטן — באַנען,
סאָבמאַרינען, עראָפּלאַנען.

רידער, רעדער באַראַבאַנען —
צוצעצוימען! צוצעצאַמען!

ראַדיאָ רופט אַרונטער מאַרסן:
וועלטן! — רוקט זיך צו צוזאַמען!

העכער, העכער, סאַקסאָפאָן!

שטיף און שיפל זיך, טראָמבאָן!

טראָמבע, טרובע, אויבנאָן!

פלאַטער פלעקל, ווי אַ פאָן!

קלינגל גלעקל און דערמאָן!

שאַל און שטראַל, טראָמפּייט!
זאָג אָן!!! —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

מיטאַמאָל — פון אָנהויב אָן!